שפּעלבוים (מנחם=בעריש) ב. (25/IX
1887 — ) געב. אין וואו=
קין, לעבן ראַדזין, שעדלעצער (איצט-–
לובלינער) געגנט, וואו זיין פּאָטער,
ישראל-לייב, איינער פון די אַלטע קאָצ=
קער חסידים, וואָס איז נאָך געפאָרן צו
דעם באַרימטן קאָצקער רבין ר' מענ=
דעלען, איז געווען שוחט. באַקומען אַ
טראַדיציאָנעלע דערציִונג, צו 5 יאָר שוין
געלערנט גמרא, אויף וועלכער כאַר=
בראַכט ביז 15 יאָר, אויך אונטער דעם
פּאָטערס השגחה,



געשמט פאַר אַן
עילוי, אָפּט וואָכנ=
לאַנג אין הויף
פון דעם פולאַ=
ווער רבין, וואו
זיינער אַ שוואָ=
גער איז געווען
אַ שוחט, און גע=
האַט די מעגלעכקייט זיך גוט צו באַקענען
מיט די התנהגותן פון רביישן הויף. צו
15 יאָר האָט אים דער פאָטער אָנגע=
הויבן צו לערנען שחיטה, אָבער אים
האָט מער געצויגן צו פילפול= און חקירה=
ספרים, ווי צו דעם טרוקענעם „יורה
דעה", און אונטער דער השפעה פון דעם
רמב"ם איז ער נתפקר געוואָרן, אָנגע=
הויבן זיך אָפּצוקערן פון דער חסי=
דישער פרומקייט. פון קינדווייז אויף
שטאַרק ליב געהאַט צו לייענען פאַר=
שיידענע מעשה=ספרימלעך, איז ער שפּע=
טער געקומען אונטער דער ווירקונג פון
שמ"רס ראָמאַנען, האָט אַפילו אַליין גע=
נומען שרייבן אַזאַ מין ראָמאַן, הגם צו
יענער צייט נאָך אַ סך געלערנט און
און אַפילו געהאַט אָנגעשריבן אַ פילפול=
ספר אויף קדושין (העברעיִשע גראַמען
האָט ער נאָך פריער געשריבן). צו 18
יאָר האָט ער פאַרלאָזט דאָס שטעטל און
אַוועק קיין וואַרשע, וואו זיך שטאַרק
געפּלאָגט, שיר ניט קראַנק געוואָרן פאַר
הונגער, געלערנט אַ ביסל רוסיש און
פויליש און אין אַ האַלב יאָר אַרום גע=
מוזט צוריקפאָרן צום פאָטער, כדי מיט
3 יאָר שפּעטער צוריקצוקומען, זיך גע=
נומען צו פאַרשיידענע אַרבעטן אין וואַר=

שע און לאָדז, וואו 1912 דעביוטירט
מיט אַ דערציילונג א"ט „צוויי דורות"
אין „לאָדזער טאַגעבלאַט" א"ר פון י. או=
גער. דערנאָך, לעבנדיק אין אַ פּראָווינץ=
שטאָט, אָנגעהויבן צו שרייבן חסידישע
דערציילונגען, פאָלקסטימלעכע מעשיות.
פון וועלכע די ערשטע א"ט „דער כוח
פון אַ מצווה" איז געווען געדרוקט אין
„אונזער לעבן", און זינט דאַן זיי זייער
פיל פאַרעפנטלעכט, דערהויפּט אין „לאָד=
זער טאַגעבלאַט" — כמעט וועכנטלעך,
אויך אין „פריינד", „היינט", בערדי=
טשעווער „פאָלקס=שטימע" א"אַ אויס=
גאַבן. נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה
אויסגעוואַנדערט קיין אָדעס, וואו מיט=
געאַרבעט אין „אונזער לעבן", „דאָס
נייע לעבן" א"אַ. אַרום 1920 צוריקגע=
קומען קיין וואַרשע, זיך באַטייליקט אין
פאַרשיידענע צייטונגען, געאַרבעט דער=
הויפּט אַלס איבערזעצער אין פ"ג „צענט=
ראַל", סוף 1922 פאַרלאָזט פּוילן און
זיך באַזעצט אין נ"י, צוערשט מיטגע=
אַרבעט אין „יידישען טאַגעבלאַט", דער=
נאָך אַריבער אין „מאָרגען זשורנאַל",
וואו ער איז עד=היום אַ שטענדיקער
מיטאַרבעטער, שרייבט אין דער צייטונג
זייער פיל סקיצן, דערציילונגען, זיך
באַטייליקט אויך מיט אַ ריי גרעסערע
נאָוועלן, קריטישע אַרטיקלען אין „צו=
קונפט", „פעדער", „פ. אַ. ש." א"אַ
פון זיינע ווערק זיינען אין בוכפאָרם
אַרויס: „פינסטערע וועגן (פון לעצטער
אוקראַינע)"—נאָוועלן פון דער שוידער=
לעכער פּאָגראָם=צייט אין אוקראַינע (פ"ג
„צענטראַל", 1922, ז"ז 163); „אין גע=
וויטער"—נאָוועלן פון דער איבערגאַנגס=
צייט אין רוסלאַנד (דערז. פ"ג, 1923,
ז"ז 216); „אויפברויז"—ראָמאַן אויס די
יאָרן 1917—19 (פ"ג „וואַנדערער", וואַר=
שע, 1923, ז"ז 431; א"ט „מישקע יאַ=
פּאָנטשיק—פון דער שטורמישער רעוואָ=
לוציע=צייט אין דרום=רוסלאַנד" פאַר=
עפנטלעכט אויך אין „מאָרגען זשורנאַל"
1924). אין די דאָזיקע אַלע ווערק, ווי
אויך אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע, נאָך
אין בוכפאָרם ניט אַרויסגעגעבענע, שיל=
דערט ע. די איבערגאַנגסצייט אין רוס=
לאַנד (בעיקר—אין דרום=רוסלאַנד, אין
אָדעס), די רעוואָלוציע, דעם בירגער=
קריג, די שוידערלעכע פּאָגראָמען, דעם
באַנדיטיזם, די קאַמפן צווישן די פאַר=
שיידענע מאַכטן, די באַציִונגען, שטימונ=
גען, איבערלעבונגען בשעת די דאָזיקע
גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, זייער
ווירקונג אויף דער מענטשלעכער פּסיכיק,
גלאָריפיצירט די אַקטיוויטעט פון דער
יידישער נקמה, די יידישע אונטערוועלט
אַלס קעמפערין קעגן די פּאָגראָמען,
ברענגט אויך צום אויסדרוק דעם צער
פון די שטילע נשמות, וואָס ווייטאָגן
אין דער פּאַסיווער ערוואַרטונג פון די
אָנקומענדיקע שטורעמס. זיין דערציילונג
איז פול מיט שפּאַנונג און אימפּעט, און
ניט קוקנדיק אויף אַ געוויסן סענסאַציאָ=
נעלן עלעמענט פון די דאָזיקע ווערק,
אויף דער ערטערווייז צו קנאַפּער קינסט=
לערישער אָביעקטיוויטעט אין באַשרייבן
די שוידערלעכע איבערלעבונגען, צייכע=
נען זיי זיך אויס מיט דער וואָרהאַפטי=
קייט אין דער שילדערונג פון דער סביבה,
אין אַרויסברענגען דעם קאָלאָריט פון
אָרט און צייט. יענע באַזונדערע אַטמאָס=
פערע פון שרעק און האָפענונג, פון
מענטשלעכער אכזריות און מענטשלע=
כער גבורה, וואָס די אויסערגעוויינלעכע
קאַטאַסטראָפע האָט געשאַפן. — גרייט צו
צום דרוק אַ ב' חסידישע און פאָלקס=
טימלעכע דערציילונגען א"ט „אַמאָל איז
געווען", אַ ראָמאַן א"ט „אויף דער שוועל"
(אַרויס), „מיט ממ"ס אין אָדעס" (פאַר=

עפּנטלעכס אין „מאָרגען זשורנאַל").
האָט צונויפגעשטעלט אַ אַנטאָלאָגיע
א"ט „אונזער פּאָרלעזער דעקלאַמאַ-
טאָר". אויסגעצייכנט זיינען ע—ס סטי-
ליזירטע איבערזעצונגען פון אברהם
מאַפּוס ביבלישע ראָמאַנען „אהבת ציון"
און „אשמת שומרון", אַרויסגעגעבן א"ט
„אמנון און תמר" און „די זינד פון
שומרון" (פ"ג „צענטראַל", 1923). ער
האָט אויך איבערגעזעצט דעם 1טן ט'
פון פּרץ סמאָלענסקינס ראָמאַן „התועה
בדרכי החיים" א"ט „דער וואָס האָט
געבלאָנדזשעט" (דער 2טער ט' — איבערז.
פון א. ז. כהן; פ"ג „צענטראַל", 1926;
מיט דער ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריס-
טיק פון סמאָלענסקין, געשריבן ספּעציעל
פון ראובן בריינין). געשריבן אויך העב-
רעיש אין „העולם", „הזמן", „הצפירה"
א"אַ. זיינע פּ"ס: ד"ר ב. גרינבלוי, א.
וואַסערשטיין, פּענבנע, ב. תפוח.

ד. ל., אין „לאָרזער טאָגעבלאַט", 1923; ד"ר
י. ב. צפור, אין „ביכער-וועלט", 1922, ז"ז
394—395; בעל-מחשבות, אין „האַכענבלאַט", 1913.